**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער HOCHUL (האקול) מעלדט פרישע טריט צו פארזיכערן קריטישע רעכטן זענען באשיצט און געמיינדעס איבער ניו יארק זענען אריינגערעכנט, באשיצט און געפראוועט

***פארשטערקערע רעפראדוקטיוו פרייהיט דורך אינוועסטירן אין פראווײַדערס און זיי באשיצן פון אינדערויסן-פון-סטעיט אנקלאגעס***

***גאווערנער שלאגט פאר דעזיגנירן Harriet Tubman (העריעט טובמאן) אלץ איינער פון ניו יארק'ס פארשטייערן אין די פאראייניגטע שטאטן קאפיטאל'ס סטאטוארי זאל***

***בויען שטערקערע פארבינדונגען מיט אינדידשעניעס פעלקער דורך צוזאמארבעט און רעפריזענטאציע***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאדלן פרישע איניציאטיוון צו פארזיכערן און פארשטערקערן רעפראדוקטיוו רעכטן און קולטורישע רעפריזענטאציע אלץ טייל פון איר 2025 סטעיט פון די סטעיט. דעם רעכנט אריין פארזעצן ניו יארק'ס פירערשאפט אלץ א פארזיכערטע לאנדונגס פלאץ פאר רעפראדוקטיוו קעיר און דעזיגנירן Harriet Tubman (העריעט טובמאן) אלץ איינער פון ניו יארק'ס פארשטייערן אין די פאראייניגטע שטאטן קאפיטאל'ס סטאטוארי זאל.

"ניו יארק איז די היים פון יעדער מעידשאר באוועגונג אין אונזער פאלק'ס היסטאריע - די קאמף פאר פרויען רעכטן, לעיבאר רעכטן, ענווייראמענטאלע באשיצונג און נאך," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "פון סענעקא פאלס צו סטאנוואל, ניו יארקער זענען אייביג געווען אויף די שפיץ פון באוועגונגען פאר געזעלשאפט טויש. איך בין פארפליכטעט צו אנהאלטן די פירערשאפט יעצט אריין אין די צוקונפט."

**באשיצן רעפראדוקטיוו רעכטן און צוטריט צו עבארשען**

**אנהאלטן די רעפראדוקטיוו פרייהייט און גלייכקייט גרענט פאנד**
די רעפראדוקטיוו פרייהייט און גלייכקייט גרענט פאנד איז געשאפן געווארן דורך גאווערנער Hochul (האקול) אין מעי 2022 צו פארבעסערן עבארשען צוטריט און איז געווארן אריינגעלייגט אין די סטעיט פיסקאלישע יאר 2025 בודשעט. די איניציאטיוו אדרעסירט די געברויך פאר פארברייטערטע רעפראדוקטיוו העלטקעיר סערוויסעס אין ניו יארק. די פאנד האט געשטיצט רעפראדוקטיוו געזונטהייט פראווײַדערס און קריטישע שטיצע פראגראמען צו פארזיכערן גלייכע צוטריט צו עבארשען קעיר איבער די סטעיט. די יאר, גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארטיילן 25 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר די פראגראם, מיט א פאקוס אויף פארשטערקערן צוטריט צו גרונטליכע רעפראדוקטיוו קעיר פאר אלע ניו יארקער.

**גלייכערהייט צורקיבאצאלן פראַווײדער פאר עבערשען סערוויסעס**
פאר אסאך יארן, רעפראדוקטיוו געזונטהייט פראווײדערס האבן נישט באקומען פינאנצירונג וועלכע איז גענוג צו דעקן די פילע קאסן פון מעדיצינישע עבארשען קעיר און אנדערע עבארשען סערוויסעס. אלץ א רעזולטאט, צופיל פראווײדערס זענען געווען אינטער גרויסע פינאנציעלע דריק ווען פראבירענדיג אויסצופירן זייער מיסיע פון צושטעלן זיכערע און צוגענגליכע עבארשען קעיר צו אינדיווידואלן איבער די סטעיט. גאווערנער Hochul וועט צושטעלן א נייע בויגזאמער פינאנצירונג שטרום פון 20 מיליאן דאלאר צו ערלויבן פראווײדערס צו בעסער צופאסן צו די מעגליכע ווירקונג פון די אריינקומעדיגע פעדעראלע אדמיניסטראציע און פארזיכערן אז די פראווײדער ווערן גלייכערהייט צוריק געצאלט פארן צושטעלן עבארשענס.

**פארשטערקערן רעפראדוקטיווע העלטקעיר אינפראסרטוקטור**
פולע רעפראדוקטיוו העלטקעיר איינריכטונגען אין ניו יארק דארפן קריטישע אינפראסטרוקטור אפדעיטס כדי צו קענען צושטעלן די פולע טוץ פון גרונטליכע סערוויסעס. בויענדיג אויף ניו יארק'ס אינוועסטירונג אין רעפראדוקטיוו געזונטהייט פראווײדערס דורך די רעפראדוקטיוו פרייהיט און גלייכהייט גרענט פאנד און זיכערהייט גרענט פאנד, גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארברייטערן די פינאנצירונג צו שטיצן קריטישע קאפיטאל אינוועסטירונגען פאר פראווײדער. די פינאנצירונגען וועלן ערלויבן רענאוואציעס, געצייג פארבעסערונגען, פלאנירונג און אויפבוי צו העלפן איינריכטונגען מאדערניזירן און פארזיכערן זייער אפעראציעס. די שריט צילט צו פארזיכערן א גרעסערע נעטווארק פון פראווײדער קענען צושטעלן הויך-קוואליטעט רעפראדוקטיוו העלט קעיר פאר אלע ניו יארקער.

**באשיצן עבארשען אלץ עמערדשענסי מעדיצינישע באהאנדלונג**
די פעדעראלע עמערדשענסי מעדעצינישע באהאנדלונג און לעיבאר אקט (EMTALA) פארלאנגט אז שפיטעלער שטעלן צו סטאביליזירענדע קעיר פאר פאציענטן מיט עמערדשענסי מעדעצינישע באדינגונגען, אומפארבינדען צו זייער מעגליכקייט צו באצאלן. אבער, עבארשען איז נישט קלאר דעפינירט אלץ עמערדשעניס מעדיצינישע באהאנדלונג אונטער ניו יארק געזעץ. גאווערנער Hochul (האקול) האט פריאריטיזירט באשיצן רעפראדוקטיוו רעכטן און פארזיכערן גלייכע צוטריט צו באהאנדלונג. צו אדרעסירן דעם לאך, זי וועט אוועקשטעלן עבארשען אלץ באשיצטע עמערדשענסי מעדיצינישע באהאנדלונג אין ניו יארק סטעיט און פארלאנגען שפילטעלער צו צושטעלן די סטאביליזירענדע עמערדשענסי מעדיצינישע באהאנדלונג, ווידערנפארסירענדיג צוטריט צו עבארשען סערוויסעס ווען מעדיציניש נויטיג.

**באשיצן די אידענטיטעט פון מעדיצינישע עבארשען פארשרייבער**
מעדעצינישע פראווײדערס אין ניו יארק וועלכע פארשרייבן מעדיצינישע אבארשען צו פאציענטן אין אנטי-עבארשען שטאטן ווערן אויסגעשטעלט צו ריזיקעס אויב זייער אידענטיטעטן ווערן ארויסגעגעבן. יעצט, פארשרייבער לעיבלס רעכענען אריין די פראווײדער'ס נאמען, וועלכע קען זיי אויסשטעלן צו פאטענציאלע באלייסטיגונג אדער שאדן. דעס צו די אדרעסירן, גאווערנער Hochul (האקול) וועט איינפירן לעגיסלאציע צו ערלויבן פארשרייבונג לעיבלס צו פארמיידן ארויסווייזן די פראווײדער'ס נאמען, באשיצענדיג די אידענטיטען פון די פראווײדערס. די טויש וועט פארזיכערן אז פראווײדערס קענען ווייטער צושטעלן וויכטיגע קעיר צו פאציענטן אין סטעיטס מיט צוימענדע אנטי-אויסווייל געזעצן אן מורא פון ווערן ארויסגעשטעלט. רעקארדן וועלן נאך אלץ אנגעהאלטן ווערן צו קענען נאכגיין פראווידערס אין פאל פון אומריכטיג באנוץ אדער עביוז, באלאנצירענדיג פריוואטקייט און פאראנטווארטליכקייט.

**פייערענדיג מער פון 400 יאר פון אפריקאנע אמעריקאנער היסטאריע אין ניו יארק**

**דעזיגנירן Harriet Tubman (העריעט טובמאן) אלץ ניו יארק'ס קאנטריבוציע צו נאציאנאלע סטאטוארי זאל**

ניו יארק האט יד געלעגנהייט צו באעהרען Harriet Tubman (העריעט טובמאן), א סימבאל פון קאראזש, ליבעראציע און גלייכקייט, דורך אנהייבן די פראצעדור צו אריינשטעלן א סטאטוטיע פון איר אין די פאראייניגטע שטאטן קאפיטאל"ס נאציאנאלע סטאטוארי זאל. Tubman'ס (טובמאן'ס) היסטאריע איז טיעף פארבינדען צו ניו יארק, וואו זי האט געוואוינט און געארבעט צו פאראויסריקן פרייהייט און גערעכטיגקייט, איר מאכענדיג א פאסיגע פארשטייער פון די סטעיט'ס ווירדן. דעס צו ערררייכען, גאווערנער Hochul (האקול) וועט ארבעטן מיט די לעגיסלאטור צו אריבערפירן א רעזאלוציע צו פינאצירן די דיזיין, אויפבוי און טראנספארטאציע פון די סטאטוטיע. די באמיהונג וועט ברענגען גרעסערע אנערקענונג צו פרויען'ס קאנטריבוציע צו היסטאריע, און צופאסן מיט גרעסערע באוועגונגען פאר אייניגע רעפריזענטאציע.

**אוועקשטעלן פעלאושיפ צו פייערן און פאראויסריקן אפריקאנע אמעריקאנער היסטאריע**
די קאנטריבוציעס פון אפריקאנע אמעריקאנער צו ניו יארק'ס היסטאריע זענען סיגניפיש אבער אפטמאל אינטער אנערקענט. אין 2022, גאווערנער Hochul (האקול) האט אינטערגעשריבן עקזעקעטיווע באפעל 15 צו אוועקשטעלן די ניו יארק סטעיט קאמיסיע אויף אפריקאנע אמעריקאנער היסטאריע, וועלכע האט אין 2024 ארויסגעגעבן רעקאמענדאציעס פאר אינוועסטירונג אין אפריקאנע אמעריקאנער קולטור, עדוקאציע, קינסט און עקאנאמישע פאראויס גיין.

צו בויען אויף די באמיהונגען, די גאווערנער וועט אוועקשטעלן און שענקן א פעלאושיפ אינטער די "אונזער גאנצע היסטאריע" איניציאטיוו. די פעלאושיפ וועט פאראויסריקן פארש, שטיצן אנגייענדע אנטדעקונגען, און פייערן די וויכטיגע ראלע פון שווארצע ניו יארקער אין פארעמען די סטעיט'ס לעגאסי.

**צוזאמארבעטען מיט אינדידשענועס פעלקער**

**פרישע עדוקעישנעל מאטעריאל פאר אינדידשענועס היסטאריע & קולטור**
צו אדרעסירן די מאנגל אין עדוקאציע אויף אינדידשענועס היסטאריע און קוטלורן, די סטעיט וועט שאפן נייע K-12 עדוקעישענעל מאטעריאלען, מיטארבעטענדיג מיט SUNY, די NYS אינדידשעניועס עקוקעישען עדווייזארי גרופע און די אינדישענועס עקספערטן צו פארזיכערן אקוראטקייט. א איינמאליג אינוועסטירונג פון $500,000 וועט ווערן צוגעשטעלט צו אנטוויקלן און פארטיילן די עקדוקעישענעל רעסארסן, פראמיטערענדיג גרעסערע פארשטאנד, קעגענשטעלן מיסאינפארמאציע און האדעווען ראסישע גלייכקייט.

**פארמערן און באשטעלן אינדישענועס קונסטארבעט ביי די קאפיטאל**
לויט די רעקאמענדאציעס פון די אינדידשענועס קונסט און רעפריזענטאציעס עדווייזארי גרופע, די איניציאטיוו וועט באשטעלן נייע קונסטארבעט דורך אינדידשענועס ארטיסן פון ניו יארק'ס נײַן אינדידשענועס פעלקער צו זיין אויף אויסשטעל אין די סטעיט קאפיטאל. אן איינמאליגע אינוועסטירונג פון $150,000 וועט שטיצן די באשטעלן, אינסטאלאציע און אויפדעקענונג עווענט.

**פארבעסערן מענטארינג פראגראמען**

אין 2021, האט גאווערנער האקול געלאזט אין גאנג די לאטינא מענטארינג איניציאטיוו ( Latina Mentoring Initiative LMI) צו שטיצן צוקונפטיגע לאטינא פירערס אינעם עלטער פון 8 ביז 24 דורך בויען סאפט סקילס, זעלבסטזיכערקייט און נעהרן שטרעבונגען דורך פערזענליכע און פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג. אין די לעצטע דריי יאר, האט LMI געשאפן א געמיינדע פון יוגנטליכע אינספירירט דורך לאטינא פארשטייער, געמוטיגט צו פארברייטערן זייערע מעגליכקייטן. דאס יאר, גאווערנער Hochul (האקול) טוט פארמערן אינוועסטירונג אין די LMI צו פארמערן די צאל פון יוגנטליכע וואס ווערן סערווירט דורך די ווירקזאמע פראגראם. דערצו, נוצנדיג לערנונגען פון די סוקסעס פון די לאטינא מענטארינג

איניציאטיוו, האט גאווארנער Hochul (האקול) געלאזט אין גאנג די שווארצע מיידלעך מענטארינג איניציאטיוו (Black Girls Mentoring Initiative) צו שטיצן יונגע שווארצע פרויען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן